The Yiddish Pen 21

monthly for literature
and research

April 1996

Editor:
Dovid Katz

Managing Editor:
Gennady Estraikh

Editorial Board:
Majer Bogdanski
Elyakum G. Klepfish
Dov-Ber Kerler

Correspondence:

The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England

rates:

£33 ($49) a year
worldwide by air

Telephone:
(+) 44 1865 798989

Fax:
(+) 44 1865 798987

Email:
yiddishstudies@
oxf-inst.demon.co.uk

Published by the
Oxford Institute
for Yiddish Studies

Registered Charity No 1045738
IRS No 11—3273541

Founded by the
Tabatznik family in
memory of Yiddish
author and educator
Mendel Tabatznik
(1894 — 1975)

© Three Sisters Press

## 70 Years Ago

Max Weinreich:
**Letter from Oxford: A relic from the Jewish Middle Ages** 1

## Poetry

H. Binyomin (New Haven):
**On Yiddish** 6

Boris Karloff (Wolvercote):
**Cast thy bread upon the waters** 8

## Prose

Kobi Weitzner (Tel Aviv):
**Rent** 10

Shlomo Worsoger (Tel Aviv):
**The match** 17

## Translations

William Blake (Yiddish — M. Olitsky):
**In the forests of the night** 21

Harry Smith (Yiddish — E. Chait):
**Menke sonnet** 22

Stanley Barkan (Yiddish — Mindy Rinkewich):
**Mothertree** 23

## Memoir

Menke Katz:
**Childhood memories of Svintsyan and Michalishek** 25

## Diary

Yitzhak Luden (Tel Aviv):
**Letter to Liza** 32

## Review

Gennady Estraikh (Oxford):
**"Kind-un-keyt"** 35

Cover:

Facsimile (reduced) of the cover of issue no. 1 of the new Yiddish magazine "Kind-un-keyt" (Jerusalem, 1996); see p. 35.

די פּען 21
ניסן תשנ"ו \ אַפּריל 1996

רעדאַקטאָר:
הירשע=דוד קאַץ

פּאַרוואַלטונגס=רעדאַקטאָר:
גענאַדי עסטרייך

רעדאַקציע:
מאיר באָגדאַנסקי
אליקום=געצל קלעפּפּיש
דוב=בער קערלער

קאָרעספּאָנדענץ:
The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England

אָפּצאָל:
£33 ($49) אַ יאָר
מיט לופֿט, אומעטום

טעלעפֿאָן:
(+) 44 1865 798989

פֿאַקס:
(+) 44 1865 798987

עלעקטראָניש:
yiddishstudies@
oxf-inst.demon.co.uk

געגרינדעט פֿון דער
משפּחה טאַבאַטשניק
צום אָנדענק פֿון
יידישן שרייבער
און דערציער
מענדל טאַבאַטשניק
(1975 — 1894)

פֿאַרלאַג „דריי שוועסטער"

## מיט 70 יאָר צוריק

מאַקס ווײַנרײַך:
אַ שפּליטער פֿון יידישן מיטלאַלטער
(אַ בריוו פֿון אָקספֿאָרד) 1

## פּאָעזיע

ה. בנימין (ניו=הייוון):
וועגן יידיש 6

באָרים קאַרלאָוו (וואָלווערקאָמט):
שלח לחמך 8

## פּראָזע

קאָבי ווײַצנער (תל אביב):
דירה געלט 10

שלמה וואָרזאָגער (תל אביב):
דאָס שוועבעלע 17

## איבערזעצונגען

וויליאַם בלייק (יידיש — מ. אָליצקי):
אין די וועלדער פֿון דער נאַכט 21

הערי סמיט (יידיש — ע. חייט):
מעינקע סאָנעט 22

סטענלי באַרקאַן (יידיש — מינדל רינקעוויטש):
דער מוטערבוים 23

## זכרונות

מעינקע קאַץ (פֿון עזבון):
אַמאָל איז געווען אַ מעשה
(זכרונות פֿון סווינציאַן און מיכאַלישעק) 25

## טאָג=בוך

יצחק לודען (תל אביב):
אַ בריוו צו ליזאַ 32

## רעצענזיע

גענאַדי עסטרייך (אָקספֿאָרד):
„קינד=און=קייט" 35

הילע:
פֿאַקסימיליע (פֿאַרקלענערט) פֿון דער הילע פֿונעם נייעם יידישן זשורנאַל „קינד=און=קייט" (נ. 1, ירושלים, 1996); זע ז. 35.



מעינקע קאַץ
(1991 — 1906)

# אַמאָל איז געווען אַ מעשה

## (זכרונות פון סווינציאַן און מיכאַלישעק)

מעינקע קאַץ

פון עזבון. אָטאָ דער קאַפּיטל זכרונות, וואָס דער דיכטער האָט אָנגעשריבן אין 1990, בערך אַ יאָר פאַר זיין טויט אין אַפּריל 1991, ווערט איצט פאַרעפנטלעכט צום פינפטן יאָרצייט.

אַמאָל איז געווען אַ מעשה. מיר דאַכט די מעשה הייבט זיך אָן אַזוי לאַנג־לאַנג צוריק ווי ס׳וואָלט געשען הינטער די הרי חושך, אויף יענער זייט סמבטיון. איך זע מיין קינדהייט אַזוי וויט־ווייט, ניט ווייל איך בין שוין אַ ייד אין די גבורות נאָר צוליב דער אַנדערשדיקער וועלט פון די פאַרבענקטע שטעטעלעך פון דער ליטע.

איך בין געבאָרן געוואָרן אין שטעטל סווינציאַן, ווילנער גובערניע נאָר אַלע מיינע לידער־ביכער זיינען פול מיט די דערמאָנונגען פון שטעטעלע מיכאַלישעק. אין סווינציאַן האָט מיין משפחה געוואוינט נאָר קנאַפּע פערצן יאָר; אין מיכאַלישעק, פון מיין מאַמעס צד — הונדערטער יאָר; פון מיין טאַטנס צד, אויך הונדערטער יאָר, אין שטעטעלע — סוויר. אָט די שטעטעלעך זיינען געווען שכנים.

כ׳וועל אָנהייבן מיט מיין ערשטן טאָג אין חדר, ווען איך בין געווען פינף יאָר אַלט. איך געדענק ווי דער באַהעלפער, צאַלע דער הויכער אָדער צאַלע דראָנג (געווען אין שטעטל אויך אַ באַהעלפער מיט דריי צונעמען: צאַלקע דער הויקער, קורדופּ, ליליפּוט) האָט מיך געטראָגן אין חדר באַראַנטשיק, אויף די פּלייצעס. איך האָב אים געזען ווי אַ ריז וועלכער טראָגט מיך אַוועק אין אַן ערגעצלאַנד.

דער רבי משה־בנימין האָט מיך אַוועקגעזעצט ביים גרויסן טיש, אינמיטן, צווישן אַ טוצן ייִנגלעך און האָט מיר אָנגעזאָגט: „זאָלסט זיין אַ גוטער ייִנגל, ביסט דאָ געקומען לערנען תורה".

מיין ערשטער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן לעבן אַ מלאך. צאַלע דער הויכער האָט זיך געשטעלט הינטער מיר און געזאָגט: אַ מלאך וועט

באַלד וואַרפן צוקערקעס. ווען אַ צוקערקע איז געפאַלן לעבן מיר האָב איך טאַקע געמיינט אַז ס׳איז פון די הענט פון אַ מלאך. איטלעך קינד האָט באַקומען אַ צוקערקע; מיין חבר, יאָסקע צירלס, צוויי ווייל ער איז געווען אַ יתום. (ער האָט געקענט זאָגן ווי שלום־עליכם: „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום"). יאָסקע האָט מיר געלאָזט לעקן און אָפּבייסן אַ פּיצל פון זיין צווייטער צוקערקע.

יאָסקע צירלס איז געוואָרן אַ יתום (פּונקט ווי טשאַרלס דיקענס׳ דייוויד קאַפּערפילד) זעקס חדשים איידער ער איז געבאָרן געוואָרן. ער איז געווען מיין נאָענטסטער, באַליבטסטער חבר. מיר זיינען צוזאַמען געקומען אינדערפרי אין חדר און געגאַנגען אַהיים ביינאַכט מיט איין לאַמטערן. אונדזערע שטיבער זיינען געווען אַזוי נאָענט איינער צום אַנדערן ווי אונדזער חברשאַפט.

שבת פלעגן מיר קומען אין חדר הערן די מעשיות פון מדרש וואָס דער רבי פלעגט דערציילן. שבת האָט ער ניט געהאַלטן קיין קאַנטשיק, אויך זיין געמיט איז געווען אַ שבתדיקס. מיר האָבן זיך אַלע צוגעהערט מיט גרוים הנאה ווי דער רבי פלעגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל דערציילן שיינע מעשיות און שטענדיק אויסטייטשן אַ מוסר־השכל.

אויך דעם רבינס באַהעלפער, צאַלע דער הויכער פלעגט אונדז דערציילן מעשיות. ער פלעגט בפירוש אויסשפּילן פאַר אונדז איטלעך מעשה. למשל, ווען ער האָט דערציילט ווי חוני המעגל טוט תפילה ס׳זאָל זיין רעגן בשעת ס׳איז געווען אַן עצירת גשמים — אַ טריקעניש, האָט ער אויסגעשטעלט די יינגלעך אין אַ ראָד, האָט זיך געשטעלט אינמיטן און געזאָגט אַז ער וועט ניט אַרויס פון ראָד ביז ס׳וועט אָנהייבן רעגענען. דערנאָך האָט ער אונדז געוויזן ווי חוני המעגל שלאָפט זיבעציק יאָר אונטער אַ באָקסער־בוים, כאַפּט זיך אויף פון זיין דורותדיקן שלאָף, קיינער דערקענט אים ניט, דער רבונו של עולם פאַרנעמט זיין תפילה און לאָזט אים שטאַרבן.

וואָס כ׳האָב געלערנט פון רבין אין חדר, אָנהייבנדיק פון דעם ערשטן פּסוק אין בראשית האָט אינספּירירט מיינע לידער, פאַרטיפט מיין פילאָסאָפיע וועגן לעבן און טויט. למשל: „בראשית ב ר א אלהים את השמים ואת הארץ". דאָס וואָס ב ר א האָט דער רבי ניט סתם אַזוי פאַרטייטשט „באַשאַפן" נאָר אויך אויסגעטייטשט אַז גאָט ב אַ ש אַ פ ט הימל און ערד, דער מענטש מ אַ כ ט זאַכן. איך האָב פון דעם געלערנט אַז אַ ליד טאָר מען ניט מאַכן, מען מוז באַשאַפן אַ ליד. ווען איך שרייב אַ ליד פאַרגעס איך ניט וואָס דער רבי האָט מיר געלערנט ווי טייער ווערטער מוזן זיין. פאַראַן וואונדער איבער וואונדער אין ווערטער, גאָט האָט מיט ווערטער באַשאַפן די וועלט, ווערטער שאַפן אַ יש מאין. פון די מדרש־מעשיות האָב איך זיך דערוואוסט אַז ווערטער דאַרפן ווערט זיין מ׳זאָל אויף זיי אָנטאָן קרוינען. בשעת משה רבינו איז געווען אין הימל האָט ער געזען ווי גאָט

טוט אָן קרוינען אויף די אותיות (בשעת שעלה משה למרום מצאו להקב"ה שהיה כותב כתרים לאותיות). דער זהר זאָגט אַז רבונא דעלמא קושט און באַצירט איטלעך וואָרט מיט זיבעציק קרוינען. (וקב"ה נשיק כל מלה ועטיר לה בשבעין עטרין). מיר קענען לערנען פון רבין פּונקט ווי פון רוימישן פּאָעט, דעם מייסטער פון וואָרט האָראַס וועלכער האָט נאָך מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק געזאָגט אַז דער פּאָעט מוז אויסטאָקן, אַרומפּיילן יעדעם וואָרט, טאָר קיינמאָל ניט אַרויסלאָזן די שרייב־פּייל פון האַנט.

אין 1913, ווען איך בין געווען זיבן יאָר אַלט בין איך שוין געווען אַ תושב אין חדר, מיין ברודער עלציק שוין נאָך בר־מצווה. מיר האָבן זיך ביידע אַזוי שטאַרק ליב געהאַט ווי מיר וואָלטן ביידע געהאַט איין האַרץ, איין נשמה. עלציק האָט מיך ניט געזען ווי אַ קליינעם ייִנגל נאָר ווי אַ נאָענטן חבר. ער האָט מיר פאַרטרויט זיינע אינטימסטע סודות, דערציילט, אַז ער האָט ליב בלב ונפש זיין צוועלף יאָריקע דווערקע וועמען ער האָט שוין גערופן כלה.

עלציק האָט געשיקט דורך מיר, צו דווערקען, צוויי־דריי בריוולעך אַ טאָג, כאָטש זי האָט געוואוינט נאָר אַ גאַס ווייטער. יעדעס מאָל ווען כ׳האָב איר געבראַכט אַ בריוועלע האָט זי אַ טרייסל געטאָן איר לאַנגן, באַבלומטן צאָפּ און האָט זיך צעשמייכלט מיט אַלע אירע חנען. זי פלעגט אַליין מאַכן אַ קאָנווערט פון קאָלירטן פּאַפּיר און מיר געבן אַן אויסגעצאַצקעט בריוועלע מיט ציטער אין האַרצן. איך פלעג לויפן מיטן בריוועלע מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, פייל פון בויגן ווי איך וואָלט געהאַלטן אַ געפונענעם אוצר פאַר עלציקן. טאָג איין, טאָג אויס בין איך געווען זיין געטרייער בריוו־טרעגער.

זייערע באַגעגענישן זיינען געווען פאַרבאָרגן. זיי פלעגן זיך טרעפן הינטערן שול־הויף, ביים זונפאַרגאַנג, וואו נאָר בעטלער, בני בעטלער זיינען געקומען נעכטיקן אין הקדש נאָך אַ טאָג בעטלען. ווי שטאַרק עלציק און דווערקע האָבן זיך ליב האָב איך זיך דערוואוסט ווען ער האָט מיר פאַרטרויט אַז זיי וועלן בקרוב שווערן אייביקע ליבע, אינמיטן נאַכט, אין בית־מדרש און איך וועל זיין דער עדות.

און אַזוי איז געווען. ביי אַ פולער לבנה זיינען מיר זאַלבעדריט געקומען צום אַלטן בית־מדרש. די פענצטער זיינען געווען פאַרמאַכט אָבער ניט פאַרשלאָסן. עלציק האָט מיך אויפגעהויבן און אַריינגעגליטשט דעם ערשטן דורכן פענצטער. אין אַ פּאָר מינוט זיינען מיר אַלע דריי געווען אין בית־מדרש.

אין ליידיקן הימל־באַלויכטענעם בית־מדרש האָט יעדער שאָטן געוואָרפן אַ שרעק. ס׳האָט זיך געדאַכט אַז די נשמות פון אַלע טויטע וועלכע זיינען געשטאָרבן אין שטעטל שוועבן דאָ אַרום. איך האָב געהערט די שטילקייט אויסשטומען קדיש כדי אַפילו די זינדיקע נשמות זאָלן קענען זיין אין גן־עדן. איך האָב געציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינט

ווען איך האָב געזען ווי עלציק עפֿנט אויף דעם ארון־קודש, ווי ביידע ליבסטע לייגן אַרויף די הענט אויף אַ תורה און שווערן אייביקע ליבע, עד סוף כל הדורות.


דער ברודער עלציק

## אָנהייב ערשטע וועלט־מלחמה, 1914

מיין טאַטע איז שוין אויפֿן וועג קיין אַמעריקע. ער האָט איבערגעלאָזן מיין מאַמען באַדאַנע מיט פֿינף קינדער: פֿיר ברידער, עלציק, בערקע, מעינקע, יעיסקע און מיין שוועסטער בלומקע.

אונדזער שטעטל סווינציאַן איז באַלאַגערט פֿון מחנות דייטשע זעלנער. מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערזען אויטאָמאָבילן, משא־אויטאָס, עראָפּלאַנען, האַרמאַטן. די דייטשן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ניט צו פֿאַרגלייכן מיט די מאָרד־דייטשן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער אין 1917 האָבן זיי ווי אין די כאַפּער־צייטן געכאַפּט יונגע בחורים און געשיקט זיי ערגעץ „אויף אַרבעט", אַרום די שלאַכטן קעגן די רוסן.

עלציק איז וואָכן לאַנג געלעגן באַהאַלטן אויפֿן בוידעם ביז אַ דייטשער זשאַנדאַר, אין אַ מונדיר באַפּוצט מיט מעדאַלן, האָט אים געפֿונען. ס'האָט ניט געהאָלפֿן מיין מאַמעס געוויין, ער זאָל לאָזן דעם יינגל בלייבן ביי אונדז כאָטש אַ פּאָר וואָכן ווייל ער איז קראַנק, שטאַרק פֿאַרקילט, האָט היץ, דער זשאַנדאַר האָט אים צוגענומען, באַגלייט פֿון אונדזער אַלעמענס געוויין.

די מאַמע האָט גערופֿן עלציקן פֿון שלאָף ער זאָל כאָטש אין חלום קומען. אין שלאָפֿלאָזע נעכט פֿלעגט זי בלאָנדזשען דורך גאַסן און געסעלעך, דורך וועגן און שטעגן, גערופֿן זיין נאָמען ווי זי וואָלט געהאָפֿט אַז ווי דורך אַ נס וועט ער זיך ווייזן. דווערקע, פֿאַרצערט פֿון בענקשאַפֿט האָט אויסגעזען ווי אַ זעכצן־יאָריקע, טרויעריקע אלמנה; ניט געווען מער קיין בלומען אַריינגעפֿלאָכטן אין איר לאַנגן צאָפּ, ווי אַלע בלומען וואָלטן אויף אייביק פֿאַרוועלקט געוואָרן.

פּלוצעם, אינגאַנצן אומדערוואַרט, אין אַ פֿראָסטן מיטוואָך איז געקומען חיים־מאיר, דער סווירער, וואַנדערנדיקער בעטלער מיט נייעס אַז ער האָט געזען עלציקן אין שטעטעלע בואוויץ, ניט וווייט פֿון מיכאַלישעק, אַליין אין אַ באַראַק, קראַנק, הונגעריק פֿאַרבענקט נאָך זיינע נאָענטסטע, אַזוי עלנט ווי ער וואָלט געווען פֿאַרלאָזן ניט נאָר פֿון מענטשן נאָר אַפֿילו פֿון גאָט. דער בעטלער האָט אים געגעבן ברויט פֿון זיין טאָרבע, געבראַכט אַ קענדל וואַסער פֿון קהלשן פּלומפּ, אים צוגעזאָגט אַז ער וועט ברענגען אַ גרוס פֿון אים צו זיין משפּחה.

די מאַמע האָט געזאָגט צו מיר: „מעינקע, מיר ביידע וועלן גיין צופֿוס קיין בואוויץ צו עלציקן". זי האָט געבעטן מאַריאַשקען די בלעכערקע אַכטונג צו געבן אויף די דריי געבליבענע קינדער: בערקע, בלומקע,

יעיסקע. זי האָט מיטגענומען באַבסקע רפואות, קליידער, ברויט מיט נישט, און מיר האָבן זיך געלאָזט אויף דעם לאַנגן וועג קיין בואוויץ.

די מלחמה צווישן די רוסן און די דייטשן האָט נאָך געפלאַקערט, קוילן זיינען אָפט געפלויגן אַרום אונדז.

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט האָבן מיר גענעכטיקט אין דאָרף שימענישעק. (וועגן אונדזער נאַכט אין שימענישעק געפינט זיך אַ לענגערע פּאָעמע אין מיין בוך „ברענענדיק שטעטל", בוך איינס.)

סוף־כל־סוף האָבן מיר זיך דערשלעפּט ביזן שטעטעלע בואוויץ. מיר האָבן געזוכט עלציקן אין אַלע באַראַקן, געניששטערט אין די פּוסטע שטיבער און בכלל ניט געפונען קיין ניצוץ פון לעבן. דאָס שטעטעלע בואוויץ איז געווען אַ פאַרלאָזט קיינעמס לאַנד, — נאָר אַ געבויגענע צעדרייטע פרוי האָט געבלאָנדזשעט איינע אַליין ווי זי וואָלט געווען די איינציקע וועלכע איז געבליבן אין סוף פון דער וועלט. זי האָט געשריען אויף קולי קולות: „יידן שטייט אויף פון די קברים, משיח איז שוין דאָ". דאָס פאַרלאָזטע שטעטעלע בואוויץ האָט אויסגעזען ווי כּף־הקלע, ווי גיא צלמוות.

שוין ניט געווען קיין ערגעץ וואו צו זוכן עלציקן. ווען מיר זיינען געקומען אין מיכאַלישעק האָט אונדזער משפּחה באַגעגנט אונדז מיט שרעק אין די אויגן, מיט געוויין. ס'איז שוין געווען נאָך עלציקס לוויה. מיר זיינען געקומען אויפן בית־עולם באַוויינען און באַקלאָגן אים.

## איך בלייב אין מיכאַלישעק

מיין זיידע האָט געשפּאַנט פערד און וואָגן און געפירט מיין מאַמען צוריק קיין סווינציאַן. איך בין געבליבן אין מיכאַלישעק. די ערשטע וואָכן אין מיכאַלישעק זיינען געווען טרויעריקע. אין מיינע חלומות האָט עלציק נאָך אַלץ געשיקט בריוועלעך, דורך מיר, צו דוועירקען, זיין כלה, און ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מיין מאַמע איז ניטאָ לעבן מיר. איך האָב געפילט זייער פרעמד אין מיין זיידנס הויז כאָטש ער איז געווען פון די פּני העיר און זיין הויז איז געווען דאָס שענסטע אין שטעטל.

כ'האָב זיך דערפרייט ווען מיין מומע ביילקע, אַן אלמנה מיט דריי קינדער, האָט מיך אַריינגענומען אין איר אָרעמער שטוב. די שטוב אָדער שטיבעלע מיט די קליינע פענצטערלעך, מיט דער ערדענער פּאַדלאָגע, מיט דעם קוימען פאַרשוואַרצט פון דורות רויך איז מיר געווען ליבער פון מיין זיידנס נגידיש הויז. איר שטוב האָט געהילכט מיט געזאַנג פון פאָלק־לידער, מיט פאַנטאַסטישע מעשיות וואָס די מומע ביילקע האָט דערציילט.

קינד און קייט פון יענער זייט פאַראָם פלעגן קומען הערן אירע מעשיות. זי האָט געפירט די צוהערער דורך די פאַרבאָרגענע וועלטן פון אירע מעשיות. איר שטוב איז מגולגל געוואָרן אין אַ צויבער־שלאָס.

אַ חודש שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין חדר. יאַנקל=דוד איז געווען אַ זעלטענער מלמד. איך האָב זיך דערפרייט צו זען אַזאַ גוטמוטיקן רבין. ער האָט מיך אַרומגענומען און אויסגעדריקט זיין צער אויף דעם טויט פון מיין ברודער עלציק. יאַנקל=דוד איז געווען אַ גמרא=מלמד, אָן אַ קאַנטשיק. איך בין אַריין אין דער פערטער כיתה. די קינדער האָבן שוין געהאַלטן ביי דעם זעקסטן פרק פון בבא קמא.

איך האָב געשטוינט ווי דער רבי לאָזט די קינדער אַריין אַזוי פריי אין טיפע וויכוחים, אַז זיי קענען אַפילו קריטיקירן סיי די משנה, סיי די גמרא. איין וויכוח איז ספּעציעל געווען שאַרף אַרום דעם מאָדנעם דריילינג פון דער משנה הכונס: אַ טויבער, אַ שוטה און אַ קינד (חרש, שוטה וקטן). ווען אַ קינד האָט אַרויסגעזאָגט אַ גמרא געדאַנק וואָס איז ניי און קינדיש=פאַרטיפט האָט דער רבי עס פאַרשריבן אין פּנקס.

אַ יוצא=מן=הכלל איז געווען אין חדר דעם רבינס חנעוודיק בת=יחידה, לאהלע. שוין אַ זעכצן יאָריק מיידל, איז זי געזעסן ביי דער זייט, לעבן די עלף=צוועלף יאָריקע יינגלעך און געלערנט מיט התמדה בבא קמא. לצים פלעגן זאָגן: „אַ הון וואָס קרייעט, אַ גוי וואָס רעדט יידיש און אַ מיידל וואָס לערנט גמרא איז ניט קיין גוטע סחורה".

כמעט יעדן טאָג פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין חדר צוויי זיבעצן יאָריקע יינגלעך: אַמאָל, מיין שוועסטערקינד יאַנקעלע, אַמאָל כאָנקע דעם פעלדשערס זון איטשקע, אַמאָל ביידע צוזאַמען. יעדער פון די צוויי יינגלעך איז געווען פאַרליבט אין לאהלען. ס'איז געווען אַ חידוש ווען אין שטעטל זיינען געווען אַלטע מוידן וואָס האַלטן שוין ביי שלשים, לויפן לאהלען נאָך צוויי שיינע יינגלעך. מ'האָט געזאָגט: „איין האָר פון לאהלעס צעבליטן צאָפּ קען שלעפּן שטאַרקער ווי צען אָקסן". מ'האָט אויך געזאָגט אַז לאהלעס אַ לויט מזל איז ווערט מער ווי אַ פונט גאָלד. די צוויי יינגלעך וועלכע זיינען פריער געווען פריינט זיינען איצט געוואָרן שונאים. איטשקע האָט גערופן יאַנקעלען אויף אַ דועל. אָבער יאַנקעלע איז געווען זיכער אַז לאהלע איז זיינע אָן אַ דועל. יאַנקעלען האָבן אַלע האָלט געהאַט, איטשקען ניט ווייל ער איז געווען אַ גרויסהאַלטער ווי דער שוואַרציאָר וואָלט געווען זיין פעטער.

קיינער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס איטשקע קומט יעדן טאָג אין מיין פעטער חיימס קוזניע, כלומרשט צו זען ווי דער פעטער חיים מיט זיינע פינף זין קלאַפּן מיט די האַמערס אַרוים פונקען פון דעם אָנגעברענטן אייזן, אויף דער קאָוואַדלע, אָבער געקומען איז ער שאַרפן מעסערס ווי ער וואָלט געווען אַ מעסער=יינג.

יע, אַ מעסער=יינג איז איטשקע געווען. איינמאָל ערב שבת, נאָכן דאַוונען ווען מיר זיינען געגאַנגען שפּאַצירן דורך די געסעלעך פון מיכאַלישעק, צווישן אונדז אויך יאַנקעלע, איז איטשקע באַפאַלן יאַנקעלען מיט אַ מעסער און האָט אים דערשטאָכן. ס'איז אָנגעלאָפן גאַנץ שטעטל. ווער קען פּרובירן ראַטעווען דעם צעבלוטיקטן

יאַנקעלען, אויב ניט איטשקע דעם מערדערס טאַטע, כאָנקע דער פעלדשער? כאָנקע האָט גלייך געזאָגט אַז יאַנקעלע איז טויט.

יאַנקעלעס משפחה האָט צעציטערט דאָס שטעטל מיט אַ האַרץ־רייסנדיק געוויין. דער מערדער איטשקע איז גיך אַריבערגעשוואומען דעם ווילִיע־טייך און איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ערגעץ אין די וועלדער הינטער מיכאַלישעק. יאַנקעלעס פֿינף ברידער זיינען אויך אַריבערגעשוואומען דעם ווילִיע־טייך, געיאָגט זיך צו כאַפּן איטשקען, מכבד זיין אים מיט דעם זעלביקן טויט וואָס ער האָט געגעבן יאַנקעלען.

פּויערים האָבן דערציילט אַז זיי האָבן געזען אַ בעטלער־יונג מיט אַ טאָרבע בעטלען ברויט. ס'איז געווען קלאָר אַז דער בעטלער־יונג איז איטשקע. יעדעס מאָל ווען ס'האָט זיך גערדאַכט אַז אָט־באַלד־באַלד וועט מען איטשקען כאַפּן האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פֿון די הענט פֿון די נאָכיאָגער און איז ווידער ניט געוואָרן. נאָך צענדליקער וויאָרסט נאָכלויפֿן איטשקען האָבן יאַנקעלעס ברידער זיך אומגעקערט קיין מיכאַלישעק, צעווייטיקטע, צעבראָכענע אין געמיט. זיי האָבן גענומען נקמה פֿון איטשקעס אומשולדיקן טאַטן, כאָנקע דער פעלדשער. זיי האָבן צעפּערטלט כאָנקעס שטוב וואו ער און זיינע זיידעס זיינען געבאָרן געוואָרן.

כאָנקע און זיין משפחה האָבן געמוזט אַנטלויפֿן פֿון מיכאַלישעק. דאָס שטעטל איז אַ צייט געבליבן אָן אַ פעלדשער. פֿון איטשקען האָט מען קיין שפּור ניט געפֿונען. מ'האָט געשמועסט אַז ער איז אַנטלאָפֿן קיין אַמעריקע.

די מיכאַלישקער האָבן געקוקט קרום אויף דער שיינער לאהלען ווי ס'וואָלט איר שולד געווען וואָס איר געליבטער איטשקע האָט דערשטאָכן איר צווייטן געליבטן, יאַנקעלען. נאָך אָט די טראַגישע ליבעס האָבן בחורים אויסגעמיטן לאהלען, אויך אירע חברטעס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פֿון איר. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין די הינטערגעסלעך פֿון שטעטל מיט קראַנקע פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען, גערעדט און געשריען אויף זיך אַליין ווי אַ האַלב־צעדרייטע.

לאהלעס טאַטע יאַנקל־דוד, דער מלמד, און איר מאַמע שרה, די רביצן, האָבן מורא געהאַט אַז לאהלע וועט בלייבן אַן אַלטע מויד, האָבן זיי איר חתונה געמאַכט מיט דעם אלמן „מאירקע שניידערוק", אַ לאַטוטניק מיט אַ מחנה קינדער, צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי, אַ ייד אין די בינה־יאָרן, אָן בינה, אַ בור מדאורייתא, קען ניט קיין צורת אלף. מ'האָט געזאָגט מאירקע שניידערוק איז טאַקע אַ קבצן און זיבן פּאָלעס אָבער אַ שיינע ווייב איז אַ האַלבע פּרנסה.

לאהלע האָט דורכגעלעבט ירידה; דלות, קבצנות, דלפנות, איז געזעסן ווינטער אין פּראָסטיקן מאַרק ביי אַ הייסן קוילן־טאָפּ, פֿאַרקויפֿט צוגעפֿראָרענע עפּל, געבלאָנדזשעט דורך די חלומות פֿון אירע אַמאָליקע, שטורמישע ליבעס.

די פען
חודשלעכער זשורנאל פאר ליטעראטור
ניסן תשנ"ו
אפריל 1996


